פון פייגל און פון פיר־פיסיקע און קריכנדיקע
בּרואים.

24 דערפאַר האָט זיי גאָט איבערגעגעבן אין די תּאוות
פון זייערע הערצער, צו שמוציקייט, צו שענדן
25 זייערע קערפּערס צווישן זיך אַליין; וועלכע האָבן
פאַרבּיטן דעם אמת פון גאָט מיט אַ שקר און
פאַרערט און געדינט דאָס באַשאַפענע אַנשטאָט
דעם באַשעפער, הקדוש ברוך הוא לעולמים. אָמן.
26 צוליב דעם האָט גאָט זיי איבערגעגעבן צו שענדלעכע
תּאוות; וואָרום זייערע ווייבער האָבן פאַרבּיטן
דעם נאַטירלעכן געבּרויך מיט אַן אומנאַטירלעכן;
27 און אַזוי אויך די מענער, פאַרלאָזנדיק דעם
נאַטירלעכן געבּרויך פון דער פרוי, האָבן זיך אין
זייערע פאַרלאַנגען דערהיצט איינער מיט דעם
אַנדערן, מענער מיט מענער טוענדיק געמיינהייטן,
און האָבן דערהאַלטן אין זיך אַליין דעם געהעריקן
28 שכר פון זייער פאַרפירטקייט. און אַזוי ווי זיי האָבן
נישט געוואָלט האָבן גאָט אין זייער וויסן, האָט גאָט
זיי איבערגעגעבן צו אַ פאַרדאָרבענעם פאַרשטאַנד,
29 צו טון דאָס, וואָס מען טוט נישט; זיי זענען אָנגעפילט
געוואָרן מיט יעדער רשעות, זנות, שלעכטס־
קייט, גיריקייט, בייזוויליקייט, פול מיט קנאה,
מערדעריי, קריג, באַטרוג, בייזאַרטיקייט,
30 רכילות, מלשינים, פיינט פון גאָט, עזות פּנימער,
פּרעכע, באַרימער, פּראָיעקטירער פון שלעכטס,
31 אומגעהאָרכזאַמע צו עלטערן, אומפאַרשטענדיקע,
טריילאָזע, אָן נאַטירלעכע געפילן, אומרחמנות־
32 דיקע; וועלכע, הגם וויסנדיק פון גאָטס משפּט, אַז
די, וואָס טוען די דאָזיקע זאַכן, זענען חייב מיתה,
האָבן זיי נישט נאָר די דאָזיקע זאַכן געטון, נאָר
זענען נאָך צופרידן מיט די, וואָס טוען זיי.